בס"ד

קרית ברסלב בלאט

פרשת פקודי תשפ"ד • שנה ה' • #213



זיסע זכרונות פון צוואנציג יאר צוריק - ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן אויסלערנען פאר בחורים זיך צו פירן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן איבערגעגעבן דורך איינס פון די ערשטע תלמידים **מו"ה שאול גאנץ הי"ו**

# זכרונות...

## פון צוואנציג יאר צוריק

## חזק חזק ונתחזק

די וואך ענדיגט מען ספר שמות, מען שרייט אויס אלע אינאיינעם: "חזק חזק ונתחזק!" אז דו ווערסט יעדן טאג לערנען חומש מיטן תרגום איינגעטיילט לויט די וואך - ווערסטו זוכה זיין צו האבן א מוצלח'דיגע וואך. (עצתו אמונה)

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
**אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
**לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:**
**077-530-9648**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו**
chizikyomi@rabbiroth.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע**
**בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161**
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com


**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


**שטעטל נייעס**

דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל
4

**היכל הקודש נייעס**


חבורות היכל הקודש אומאן תשפ"ה הבעל"ט
5

**געדאנקען**

העטער פעטער שמעטער
8

**מיט א טיפערן בליק**


א פארשטופטע שיטה מקובצת
14

**זכרונות**

זכרונות פון ישיבה מיט מו"ה שאול גאנץ הי"ו
20

**בית פיגא ווערן**

איר באהאלטענע סוד
33


## זמנים Liberty
פקודי ו' אדר-ב תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 06:48
מוצאי שבת ............ 08:20

**מנחה מעריב ויקרא.... 08:05**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 15 | **54°**/37° | | Showers |
| Sat 16 | **51°**/36° | | Partly Cloudy |
| Sun 17 | **47°**/33° | | Showers |
| Mon 18 | **42°**/27° | | Rain/Snow Showers |
| Tue 19 | **36°**/23° | | PM Snow Showers |
| Wed 20 | **36°**/26° | | Partly Cloudy |
| Thu 21 | **45°**/29° | | Partly Cloudy |
| Fri 22 | **45°**/33° | | PM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מר"ה לייבי אפפעל הי"ו**
**וזוגתו גיטל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מר"ה אייזיק אפפעל הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלער געזונטערהייט

marketedge • 718.207.8863



באחד באדר משמיעין על השקלים:

# זיי דארפן א מלמד.

**מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש**

**אלקא דמאיר ענני**

כדי דער מלמד זאל לערנען מיט די קינדער מיטן פולסטן ישוב הדעת, פאדערט זיך אז זיין געהאלט זאל אנגיין אן קיין אפשטעל. צוזאמען וועלן מיר ארויסהעלפן דער ראש ישיבה זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די הייליגע מוסדות אין ארץ הקודש על טהרת הקודש, ביתר שאת וביתר עוז.

רופט היינט מיט אייער ברייטהארציגע שטיצע.

דער ראש ישיבה שרייבט אין ספר עצתו אמונה:

"ווען מען וויל פועל'ן א ישועה – וועט מען לייגן צדקה אין די פושקע פון רבי מאיר בעל הנס, פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות, און מען וועט זען א ישועה."

**347.466.2410**

# שטעטל נייעס

## שיינע באזוך פונעם ראש ישיבה אין מוסדותינו הקדושים אין קרית ברסלב



פארגאנגענעם מאנטאג ויקהל האבן די קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית ברסלב געהאט די זכי' אז זיי האבן געהאט א געהויבענע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אין יעדע כתה האט דער ראש ישיבה אויסגערימט די קינדער און ארויסגעברענגט די ספעציעלקייט פון דעם כתה, ווי שטארק ער פריידט זיך צו קענען קומען און ווי ער האט זיך שוין אזוי געבענקט צו זיי, און ווי ער זעט ווי די קינדער זענען וואויל און צדיקים, דער ראש ישיבה האט געטיילט גוטע זאכן פאר די קינדער און האט מחזק געווען די מלמדים.

אין כתה א' האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די חשיבות פון רעדן צום אייבערשטן אויף די פשוטע שפראך, און האט פארציילט פאר די קינדער מעשיות ווי דער רבי האט געבעטן דעם אויבערשטן וואס ער האט געדארפט. דער ראש ישיבה האט אויסגעהערט די "מעשה פון תפלה" פון די קינדער.

אין כתה ב' האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די חשיבות פון פיאות און ציצית, מען זאגט א ווארט פון צדיקים ווען מ'קושט די ציצית און מען לייגט עס אויף די אויגן און מען זאגט "מצוות ה' ברא מאירת עינים", איז עס מסוגל אז די אויגן זאלן בלייבן געזונט און מען זאל קענען אייביג זען.

אין כתה ג' האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די מגילה, מ'איז געגאנגען צו די סעודה פון אחשורוש, היינט איז אויך דא אזעלכע זאכן - האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט - מען מאכט קאנצערטן אן יראת שמים, און די וואס פאלגן מרדכי הצדיק גייען נישט אהין. וואס לערנט אונז מרדכי הצדיק אויס? מען זאל שרייען צום אויבערשטן "העלף מיר". דער ראש ישיבה האט גערעדט צו די קינדער איבער זיך פארשטעלן פורים, וויבאלד זיי זענען שוין גרויס, דארפן זיי פארשטיין אז וואס עלטערן זאגן איז הייליג און טייער, און אז מען ווערט נישט מעכטיג מיט א טייערע פארשטעלאכטס.

אין כתה ד' האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די פרשה פון בויען די משכן. "בקרוב וועט משיח קומען, און ער וועט רופן דעם מנהל ער זאל שיקן די געשיקטע קינדער זאלן אים העלפן בויען דעם בית המקדש, און דער מנהל וועט אים ענטפערן, איך בעט דיר איבער, אבער די קינדער דארפן לערנען תורה, ווייל די הלכה איז אז לערנען תורה איז מער חשוב ווי בויען דעם בית המקדש". דער ראש ישיבה האט געוויזן אויפן דאך און זיי געזאגט "ווער זעט די לעכער? דאס זענען קעמרעס, ווייל דער אויבערשטער זעט אלעס, אבער נישט נאר פון די לעכער נאר איבעראל אין די גאנצע וועלט זעט דער אויבערשטער".

אין כיתה ו' האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די גרויסקייט פונעם יום טוב פורים הבעל"ט, ווי דער זוהר שרייבט אז יום כפורים איז נאר אזוי ווי פורים, פארוואס? ווייל פורים איז יעדער פאר זיך, מען דאוונט אין בית המדרש, מען פאסט, אבער פורים פארמערט מען מיט אחדות, מען שיקט זיך איינער צום צווייטן משלוח מנות און מתנות לאביונים, מען האט זיך ליב איינער דעם צווייטן, און דאס איז חשובער פון יום כיפור.

אין כיתה ז' האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער שפירט זיך דא ממש ווי אין ישיבה, גרויסע בחורים. דער ראש ישיבה האט געזען אז פילע קינדער קענען אויסנווייניג די דרייצן אני מאמינ'ס. דער ראש ישיבה האט זיי געגעבן א סימן מען זאל געדענקען וועלכע אני מאמין איז וואס. א' איז "א"מונה, ב' דער "ב"ורא איז מנהיג לכל הבריאים, ג' איז דער אייבערשטער איז נישט קיין "ג"וף, ה' איז "ה"תבודדות, נאר צום אויבערשטן קען מען דאוונען, י' איז "י"ודע, דער אויבערשטער ווייסט אלעס אפילו וואס מיר טראכטן, י"ג די לעצטע איז תחיית המתים, און פארדעם וועט משיח קומען, דערפאר איז י"ב ביאת המשיח.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה באזוכט אין ישיבה און געשמועסט מיט זיי איבער קומענדיגן זומער הבעל"ט.

די באזוך האט געלאזט א געוואלדיגע רושם אויף די קינדער, וואס וועט לאנג געדענקט ווערן.

היכל הקודש

# נייעס

אומאן

## אפדעיטס איבער חבורת היכל הקודש אומאן



מיר אלע קוקן שוין ארויס צו פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה הבעל"ט, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט: ווען עטץ פארטס אהיים מוצאי ראש השנה פון מיר, לייג איך שוין צו די אויער, און איך הער ווי איר קומט שוין נאכאמאל די קומענדיגער ראש השנה.

נאך האט דער הייליגער רבי' געזאגט: נישט נאר איר זענט אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה, נאר די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין מיין ראש השנה.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף, רוקט מען זיך שוין נענטער צו ראש השנה, וואס דאס דערמאנט אונז פונעם ערשטן זאך וואס דאס בעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען אנקומען און צוריקקומען בשלום, און תפילה ארבעט גארנישט, מען קען מאכן טויזנטע פלענער, אבער אז עס פעלט תפילה ארבעט דאס נישט.

ווי אויך דערמאנט דאס פון זיך מסדר זיין דעם בעט און די עסן אין אומאן.

כדי צו האבן די בנין מסודר אז אלע אנשי שלומינו וואס שטייען אין אין דעם ראש ישיבה'ס בנין אין אומאן זאל זיין צופרידן על הצד היותר טוב, טוט מען דא ארויסשטעלן די לעצטע פרטים וואס אנשי שלומינו דארפן וויסן.

די ערשטע זאך דארף מען איבערגעבן פאר די גבאים (זעט שפעטער די נעמען) די 8 נעמען מיט וועמען איר ווילט שלאפן אין איין שטוב (אויפן פערטן שטאק וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף זיין 10 בעטן אין א שטוב) אויף וועלכע שטאק איר ווילט זיין, און אויב איר ווילט די זעלבע נומער שטוב פון פאראיאר.

די פרייזן די יאר זענען ווי פאלגענד:

די ערשטע שטאק: $1300.

די צווייטע שטאק: $1200.

די דריטע שטאק: $1000.

די פערטע שטאק: $700.

אן עקסטערע בעט פאר א קינד איז די זעלבע פרייז (קינדער דארפן גיין אויבן פונעם באנק בעט), א קינד אין די זעלבע בעט פונעם טאטן איז נאך $100, א צווייטע קינד אינעם קינדער בעט איז בחינם (מלמדים אין אונזערע מוסדות, און אברכי הכולל האבן א ספעציעלע הנחה). מיר שטעלן צו עסן/מקווה 'נאר' פאר די וואס שטייען אין אינעם בנין.

אלע רעזערווירטע שטיבער דארפן זיין אויסגעצאלט "ביז ראש חודש ניסן". ביטע נעמט די דאטום ערנסט! נאך ר"ח ניסן וועלן מיר אנהייבן איינשרייבן אנשי שלומינו וואס קומען מיט די גאנצע געלט, און אויב וועל זיי דארפן מער ווי איין בעט, וועיל זיי ברענגען דאס יאר נאך א קינד, וועלן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף זיי דאס צושטעלן.

דאס מיינט אז די אלע וואס האבן נאך נישט רעזערווירט אדער רעזערווירט און נאך נישט באצאלט, פארלירן זייער חזקה אויף זייער שטוב.

פאר סיי וועלכע הערה, אדער אויב איר ווילט צולייגן א האנט און העלפן אינעם בנין די וואך פון ראש השנה הבעל"ט (אזוי ווי די אלע וואס נעמען צוזאם געלט, קאכן, גרייטן אן די סעודות, מלמדים)... קענט איר זיך ווענדן צו די חשובע גבאים

העניך אינדיג: #917-379-5063

יחזקאל סאממעט: # 347-452-1936

מרדכי ראזענבערגער: # 845-825-3550

יצחק שמואל פרענקל: # 0548456150

**אומאן! אומאן! ראש השנה!**

# געדאנקען



# העטער פעטער שמעטער

אין די צייטן פון מרדכי הצדיק איז די נסיון געווען זייער גרויס.

ס'איז גרינג צו זאגן: איך? איך וואלט זיכער געווען אויף די זייט פון מרדכי הצדיק.

זייט נישט אזוי זיכער. די פאקט איז אז ווען משה רבינו האט געזאגט אז מ'גייט ארויס פון מצרים, איז געווען דארט צוויי און א האלב מיליאן אידן וואס האבן געטענה'ט פעלזן פעסט אז דאס ארויסגיין פון מצרים איז א דרייסטער אפנויג פון די וועג פון די אור עלטערן וואס האבן געכאפט שלעק פון די שלעכטע מצריים טאג און נאכט.

אט די וואזשנע אידן וואס זענען געשטארבן אין מכת חושך, האבן געמאכט א גאנצע תורה פון בלייבן דא און בויען פיתום ורעמסס. ביי זיי איז די גאנצע קבלת התורה ביים בארג סיני געווען א "נייע וועג" פון וואס מ'מוז זיך היטן.

טוט נישט אונטערשאצן די מכת חושך אידן! דער הייליגער ישמח משה זכותו יגן עלינו האט אוועק געשטעלט א יסוד, אז דתן און אבירם וואס האבן דערקוטשעט די יארן פאר משה רבינו, האבן בכלל נישט אויסגעזען ווי גאסן אינגען, שטריקעס, ניין! זיי האבן דוקא אויסגעזען ווי אויסגעלייטערטע, זיידענע, וואזשנע, אויסגעאיידלטע אידן. די נסיון איז געווען היפש גרויס, זיי פלעגן אפילו גיין מיט ווייסע בעקיטשעס!

דער זוהר הקדוש זאגט, אז וויפל בלעם איז געווען א מכשף (עיין ברש"י הקדוש, ובחז"ל אז בלעם איז געפלויגן אין די לופט מיט כישוף, ועוד) קומט דאס נישט צי צו די כישוף פון לבן הארמי, דער זוהר זאגט אין פרשת בשלח, אז ס'איז נישט געווען א מציאות אז איינער זאל קענען ניצול ווערן פון די כישוף פון לבן, און יעקב אבינו איז געווען דער ערשטער וואס איז ניצול געווארן פון די גרויסע כוחות הטומאה פון לבן. דאס האט ער געזאגט פאר עשו, עם לבן גרתי, אז איך האב געקענט ביישטיין די כישוף פון לבן, וועל איך זיכער ביישטיין די טומאה פון עשו.

משה ארי' שניצלער

מ'קען אפשר צולייגן צו דעם זוהר, על פי ליקוטי מוהר"ן חלק א' תורה א'. ווייל ס'קען זיין אז דער פשט אין זוהר איז ווייל לבן מאכט זיך ווי א ערליכער, פארדעם הייסט עס לבן - ווייס, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט אין די ערשטע תורה, אז ס'איז דא א יצר הרע וואס מאכט זיך ווי א ווייסע מלאך, און פירט אראפ מענטשן פון וועג מיט א חכמה.

למשל, אויב מ'זאגט פאר א מענטש, דארפסט נישט לערנען, בעסער ליין צייטונגען, וועט יעדער וויסן די סכנה, און ס'איז גרינגער זיך צו היטן, אבער אויב מ'זאגט אים אז זאגן משניות הייסט נישט געלערנט, ווייל לימוד התורה איז מען נאר יוצא ווען מ'לערנט מיט אלע ראשונים ואחרונים, און דאס איז גורם אז ער זאל גיין אזויפיל טעג און וואכן אן אויפמאכן א גמרא, אן לערנען תורה, דאס איז שוין גאר א גרויסע סכנה, ווייל דער מענטש איז נישט וואכזאם, ער כאפט נישט אז א ווייסער דערהויבענער מלאך פאר'סמ'ט אים ער זאל נישט לערנען תורה.

מ'קען אפשר זאגן אז דאס לשון "לבן" "ווייס" איז מרמז אז לבן האט געהאט די זעלבע ווייסע בעקיטשע ווי דתן און אבירם.

לבן האט געהאט די זעלבע ווייסע בעקיטשע ווי דתן און אבירם

די פוינט איז אז אין יעדן דור איז דא א ערליכער איד וואס רופט אויס, דער אייבערשטער איז מיט דיר! דו קענסט יא מצליח זיין! דער אייבערשטער ווארט אויף דיר! דער אייבערשטער איז פול מיט רחמנות אויף דיר. און אין יעדן דור איז דא די וואס ווייזן אויף שווארץ אויף ווייס אז אויב מ'גייט נאך דעם ערליכן איד איז נישט גוט (חס ושלום). און די צרה איז אז די וואס רעדן קעגן די ערליכע וועג מאכן זיך אזוי בא'טעמ'ט, און מענטשן פאלן אריין אין זייער האניג-אויסזעענדיגע פאסטקע.

דאס זעלבע איז געווען ביי מרדכי הצדיק, דאס זעלבע ביי אברהם אבינו, ביים רמב"ם, ביים בעל שם טוב הקדוש, ביי רבינו הקדוש מ'סאטמאר ממש לעצטנס, און אזוי איז אין אלע דורות. ביי אברהם אבינו האט מען "מוחה" געווען קעגן זיין כפירה אין געצנדינערייי, ביים רמב"ם האט מען געשריבן גאר מיאוס'ע טיטלען אויף אים.

און אזוי ביים בעל שם הקדוש, מענטשן האבן נישט געקענט פארשטיין ווי ער בלאזט אריין חיות אין תמימות'דיגע מענטשן וואס האבן קוים געקענט עברי, בשעת ער האט זיך אויסגעדרוקט אויף א בית המדרש ווי מ'האט געלערנט פלייסיג, אז "ס'איז פול מיט תורה......" ווייל ס'גייט נישט ארויף אין הימל, ווייל תורה וואס מ'לערנט מיט יראת שמים, דאס גייט ארויף אין הימל.

ווען רבינו הקדוש מ'סאטמאר האט געפייערט אז מ'זאל נישט גיין מיט רשעים, האבן זיך אלע געוואונדערט, וואס איז שלעכט אז מ'נעמט זיך צוזאם אין א קליין לענדעלע מיט טאנקען און ערפלאנען אז ס'זאל נישט קומען נאך א אוישוויץ? מ'האט נישט פארשטאנען דעם צדיק. אבער דער צדיק האט פאראויסגעזאגט אז מ'וועט נעמען מיליאנען אידן און זיי ערציען ווי פאלנע גוים, מיט נבילות וטריפות, עבודה זרה, גילוי עריות, ושפיכות דמים.

נאכדעם קומען נאך די העטער פעטער שמעטער מענטשן מיט די פלאטשיגע מוחות מיט די קינדערגארטן קושיא: אויב העטער וועגן געווען א פרומע מדינה מיט שמירת תורה ומצוות וואלט מען יא געמעגט?

פשששי הא! א לומדות פון קלאץ-קושיא.

דו האסט יעצט א פרומע מדינה? ניין! נו וואס פרעגסטו העטער פעטער שמעטער? די גאנצע זאך איז דאך איין שטוק שמד-מאשין. צוויי מיליאן אידישע קינדער ווערן דארט ערצויגן צו א פרייע תורה-לאזע לעבן וואס איז ערגער ווי ביי די אומות העולם, דער ערשטער פרעמיער פון די מדינה האט זיך דאך בארימט אז ביז צען יאר וועט נישט זיין



צו באקומען אין גאנץ ארץ ישראל קיין תפלין (עפרי לפומיה). און דו ווילסט אים נאך נאכלויפן? מיט אים צוזאמען ווילסטו אויפטון פאר אידישקייט?

למעשה תשל"ט, ווען רבינו הקודש מסאטמאר איז אוועק, האט איינער פון די גרויסע גדולים אין די אגודה אויסגערופן בריש גלי, פאר טויזנטער אידן, מיר האבן אלע געהאט א פחד אז מיר זאלן נישט זיין צו ווייט אפגערוקט פון סאטמערער רבי'ן, ווייל דאס ביסל וואס מיר זענען נישט אינגאנצן אוועקגעפאלן איז נאר ווייל מיר האבן כסדר געקוקט אויף דעם גדול און צדיק.

אלעמאל זעט מען מיט יארן שפעטער אז דער צדיק איז געווען גערעכט. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז יעדע איד וואס לעבט היינט איז נאר בזכות הבעל שם הקדוש, אפילו אויב ער מיינט אז ער קומט פון ווייטע מקומות, אן א שייכות צום בעל שם טוב, איז דאס נישט אזוי. עפעס א יניקה האט ער פון בעל שם טוב, צו דורך א זיידע, אדער א עלטער זיידע, וכדומה. א מענטש איז פשוט נישט במציאות אז די פייער פון שמירת התורה והמצוות זאל בלייבן אנגעצינדן אין אים. סיידן עפעס א צדיק פלאמט אים אויף נאכאמאל און נאכאמאל.

אין די צייטן פון מרדכי הצדיק האט מען געהאט גרויס תרעומות אויף אים, מלא טענות.

און אז איך וועל דיר זאגן די טענה וועסטו מיר נאך באלד זאגן אז זיי זענען געווען גערעכט...

מ'האט גע'טענה'ט צו מרדכי הצדיק, פארוואס מוזטו דארט שטיין ווען המן גייט אדורך?!

אין הכי נמי אז דו ווילסט דיך נישט בוקן פאר אים, אבער פארוואס גייסטו דיך נישט באהאלטן אין א זייט פאר המן קומט און שלום על ישראל, פארוואס מוזטו דארט שטיין און זיך רייצן?!

נא, וואס זאגן די העטער פעטער שמעטער אויבער חכמים צו די קושיא? ביסט שוין אינגאנצן מטושטש?!

> אויף מרדכי הצדיק האט מען געהאט גרויס תרעומות, מלא טענות.

אבער מרדכי הצדיק איז קלאר ווי דער טאג, איך נעם נישט אריין דעם טמא'נעם המן אין מיין חשבון. איך טו מיר דאס מייניגע. איך בייג זיך נישט פאר אזא רשע, מעג עס זיין א קליינע בייג, וואס קיינער וועט נישט וויסן. ס'קומט נישט אין באטראכט!!!

איי מ'וועט זאגן אז מרדכי הצדיק איז מסכן כלל ישראל ווייל ער רייצט זיך מיט המן? באלד וועט איר שוין זען צו מרדכי הצדיק האט געברענגט א סכנה, אדער גאר געראטעוועט כלל ישראל. און נישט נאר געראטעוועט, נאר חז"ל זאגן אז די הדר קבלוה, מרדכי הצדיק האט איבערגעדרייט גאנץ כלל ישראל פון קבלת התורה מיראה צו קבלת התורה מאהבה.

וואס איז דאס נוגע היינט אין תשפ"ד? אז דער צדיק מוהרא"ש זאגט אז זאגן משניות איז די איינציגסטע תרופה פאר'ן היינטיגן דור, פארוואס קריגן אויף דעם? פארוואס ביסטו קלוגער פון א צדיק? פארוואס זאלן מיר באלד האבן א פנים ווי די מכת חושך אידן?! פארוואס נישט פרובירן די זיסע לעכטיגע וועג? לאמיר היינט זאגן איין פרק משניות.


קבר מרדכי ואסתר אין איראן


יא! איר קענט אויך האבן א חלק אין די הייליגע קול תורה פון די צוואנציג אינגעלייט וואס לערנען בהתמדה רבה אינעם

**כולל היכל הקודש**

וואס איז א לייכט-טורעם פאר דעם בא'חן'טן שטעטל

**קרית ברסלב ליבערטי**

מיט אירע הונדערטער און צוואנציג איינוואוינער.

פארבינדט זיך היינט מיט דעם מנהל הכולל ר' משה ארי' שניטצלער הי"ו

Thekolel.com 347-585-6166

כולל היכל הקודש

אין דעם זכות זאלט איר זוכה זיין צו ברכות עד בלי די. דער באשעפער זאל אייך געבן א זיסע לעכטיגע לעבן. אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד. וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה.

# וואס
# קומט?

# "מעשיות פון תפילה"



## זלמן וויזל - בראכפלד:

1. איך האב געדארפט אריבערגיין א טעסט צו באקומען דרייווערס לייסענס, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס אריבערגיין גלייך ביים ערשטן מאל, אויך האב איך צוגעזאגט צו אריינלייגן די מעשה אין קרית ברסלב בלעטל. שכח אייבערשטער אז אלעס איז אריבער גרינג און שנעל.

2. איך האב געדארפט זיך גיין שטעלן אין מיליטער כדי צו באקומען א דיחוי, ס'איז געווען אינעם זעלבן טאג פון די טעסט פאר מיין דרייווערס לייסענס. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אניאגן צו גיין און צוריק קומען פארן טעסט, אן דעם וואס מ'זאל מיר אויפהאלטן. שכח אייבערשטער אז איך בין געווען דארט נישט מער פון צוויי מינוט, ממש אריין און ארויס.

## יודל ווייל- וויליאמסבורג:

פאר א שטיק צייט צוריק האט זיך צובראכן מיין טעבלעט וואס איך ניץ פאר די ארבעט און איך האב געמוזט קויפן א נייע. ווען מען קויפט א נייע טעבלעט לייגט מען אריבער אלע זאכן אבער די פילטער גייט נישט דורך, דארף מען גיין צו די קאמפעני' זיי זאלן עס ארויף לייגן.

ברוך השם איך באנוץ זיך נישט מיט מיין טעבלעט אינדערהיים און וודאי נישט מיט קיין סאשעל מידיע. האב איך געטראכט אז איך וועל לייגן א פילטער ווען איך וועל האבן צייט, אבער איך האב נישט געטראפן קיין צייט פאר דעם, פארשטייט זיך פאר דער יצר הרע לוינט זיך מען זאל נישט האבן קיין פילטער כדי אריינצוכאפן דעם מענטש אין זיין נעץ רחמנא לצלן.

אבער איך האב יא געוואלט לייגן א פילטער, האב איך אנגעהויבן צו מתפלל זיין "הייליגער באשעפער העלף איך זאל קענען לייגן א פילטער". אסאך מאל פרייטאג האב איך אפגעמאכט אז זונטאג גיי איך לייגן א פילטער, אבער עס האט זיך געשלעפט איין וואך און נאך א וואך, איך האב געטראכט רבונו של עולם וואו שטיי איך דא? איך קען נישט אנקומען צו גיין צו א געשעפט לייגן א פילטער?

ביז איינמאל האב איך מחליט געווען אז בשעת מיין ארבעט וואס דאס איז זיין א סעלסמאן און דעמאלט פאר איך דאך ארום מיט א קאר, וועל איך אנשטאט דעם כאפן א שפאציר אהין, ווייל אין וויליאמסבורג איז זייער שווער מיט א קאר. האב איך אנגעפאנגען גיין צופיס פון געשעפט צו געשעפט ערלעדיגן מיינע זאכן, אויפן וועג אהיים בין איך אריבער געגאנגען פון א טעלעפאן געשעפט, האב איך געטראכט אז איך גיי אריין עפעס קוקן וועגן טעלעפאנ'ס, איך ווייס נישט פונקט וואס.

און אזוי בין איך אריין דארט און געקוקט דארט סתם פאר נייגער, אינמיטן כאפ איך אז איך בין ממש נעבן די געשעפט 'גדר' וואס פילטערט די זאכן, איך האב אפילו נישט געהאט די פערציג דאללער פאר די פילטער, אבער איך האב געטראכט אז איך קען נישט ארויס גיין פון דארט אן לייגן א פילטער. איך האב געזען אז עס איז ממש אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט, אז דו ווילסט עפעס טון און עס גייט נישט, דו זעסט אז דו קומט נישט אן צו דעם, טו איין זאך דו זיי מתפלל.

איך האב געבעטן נאכאמאל "הייליגער באשעפער איך וויל לייגן א פילטער", און דער אייבערשטער האט מיר ממש געברענגט צו דעם פלאץ אומוויסנדיג, און איך האב ברוך השם געלייגט א פילטער.

א גרויסן יישר כח פאר די שיינע בלעטל.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס פִּילְט אוּנְז אָן מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס; עֶר מַאכְט אוּנְז רַייךְ מִיט תּוֹרָה תְּפִילָה, מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע ווִינְטֶער, קוּק וואוּ מֶען הַאלְט. דִי וָואךְ שַׁבָּת פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי שְׁרֵייט מֶען שׁוֹין נָאכְאַמָאל: "**חֲזַק, חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק**"; אַז מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִירְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י, שְׁנַיִם מִקְרָא מִיטְן תַּרְגוּם - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דַאן עֶנְדִיגְט מֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה אוּן מֶען קֶען שְׁרֵייעֶן מִיט רֶעכְט: "חֲזַק חֲזַק, וְנִתְחַזֵּק!" וַוייל **יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג**, עֶס בְּלַייבְּט גוּטְס פוּן יֶעדְן טָאג. נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען כַאפְּט אַרַיין בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

**מֶען הֶערְט כְּסֵדֶר מַעֲשִׂיוֹת ווִי יוּנְגֶעלַייט ווֶערְן אַרַיין גֶעדְרֵייט אִין גְנֵיבוֹת**, דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט וָואס זֵיי שְׁפָּארְן אָפּ ווֶערְט פַארְלוֹירְן דוּרְךְ בַּאנְדִיטְן אָוְן שְׁווִינְדְלֶערְס, זֶעט מֶען אַז נִישְׁט גֶעלְט אִיז וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר תּוֹרָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "**וְהַכְּלָל שֶׁשְּׁנֵיהֶם אֵין לָהֶם קִיּוּם בְּיַחַד, דְּהַיְנוּ הָאָדָם עִם הַמָּעוֹת**", עֶס קֶען נִישְׁט זַיין עֶס זָאל בְּלַייבְּן גֶעלְט בַּיים מֶענְטְשׁ, "רַק אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "**אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת**", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם גֶעלְט, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט. "**וּמֵעוֹלָם לֹא נִמְצָא שֶׁיִּשָּׁאֵר אֶחָד עִם הַמָּעוֹת, רַק כַּנִּזְכַּר לְעֵיל**", עֶס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ מִיט זַיין גֶעלְט זָאלְן בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "**וְאֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לָאו**", דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן צִי עֶר ווֶעט הָאבְּן גֶעלְט אָדֶער עֶר ווֶעט נִישְׁט הָאבְּן גֶעלְט, "**כִּי בֵּין כָּךְ וּבֵין כָּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוֶה**", וַוייל סֵיי דֶער וָואס הָאט גֶעלְט אוּן סֵיי דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעלְט בֵּיידֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער דֶעם זֶעלְבְּן לֶעבְּן וְכוּ'; דֶער עִיקָר זָאל מֶען אַרוֹיס כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, דוּרְכְדֶעם ווֶעסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה ווֶעט מֶען עֶס שְׁפִּירְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן פַארְקֶערְט - אַ וָואךְ וָואס מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה - הָאט מֶען הַצְלָחָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט אַז עֶר שְׁפִּירְט אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דֶער ווֶעלְט:** אַ אִיד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז יָארְן צוּרִיק אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם!" הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "גַם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַלֵיין אוֹיף דֶער ווֶעלְט, דֶער חִילוּק אִיז נָאר, עֶס זֶענֶען דָא וָואס ווֵייסְן דָאס נָאךְ נִישְׁט, זֵיי מֵיינֶען נָאךְ אַז זֵיי הָאבְּן דֶעם זֵיי הָאבְּן יֶענֶעם, אָבֶּער דוּ" - זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ - "ווֵייסְט שׁוֹין דֶעם אֶמֶת אַז דוּ בִּיסְט אַלֵיין".

יֶענֶער הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט מִיט אַ טַעֲנָה אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ: "וָואס הֵייסְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט "גַם אֲנִי לְבַד" - אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַלֵיין? מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאךְ אַ וַוייבּ, קִינְדֶער, חֲסִידִים, תַּלְמִידִים מִיט גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ' וָואס ווִיל עֶר מִיר אַיינְרֶעדְן?!" אָבֶּער ווֶען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם דִיבּוּר, לַאנְגֶע וָואכְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט חַיוּת פוּן דִי פָּאר ווֶערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גַם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

ווֶען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי סִיפּוּר פוּן דִי ווֶערְטֶער: "גַם אֲנִי לְבַד, אִיךְ בִּין אוֹיךְ אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", ווֶער אִיךְ שְׁטַארְק אוּן עֶס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.




# א פארשטופטע שיטה מקובצת

ישראל דוד העסקעל

**גאר** גרויס איז די שמחה געווען ווען דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די גבאים פון בית המדרש פעולת הצדיק אז ער וועט קומען דאווענען מיט אונז איין תפילה דעם פארגאנגענעם שבת פקודי - שבת מברכים אדר ב'.

אלע מתפללים האבן עקסטער געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין דער ראש ישיבה זאל קומען אונז מחזק זיין, און קומען דאווענען מיט אונז א תפילה. שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו דעם.

פרייטאג צונאכטס איז דער ראש ישיבה געקומען אין שול און געשמועסט אביסל פונעם רבינ'ס עצות מיט די אינגעלייט וואס זענען שוין געווען אין שול.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט מיינע קינדער אויב זיי האבן הנאה דא אין שטעטל, און אויך אויב זיי האבן הנאה געהאט פון דער ראש ישיבה'ס באזוך אין חדר די וואך. מיינע קינדער האבן זיך געשעמט צו ענטפערן, און דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט no pressure... קינדער קען מען נישט פראגראמען, אזוי זענען קינדער מ'דארף האבן אסאך סבלנות.

איך האב געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז דער שול איז די שענסטע שול אין שטעטל! דער ראש ישיבה האט געפרעגט פארוואס? האב איך געזאגט פאר דער ראש ישיבה ווייל אין דעם שול האט זיך יעדער איינער ליב, יעדער לעבט באחדות ווי איין גרויסע משפחה!

דערנאך האב איך זיך זייער באדאנקט פאר דער ראש ישיבה פאר די הערליכע דאנערשטאג נאכט שיעור וואס געבט חיות פאר די גאנצע וואך, דער ראש ישיבה האט געפרעגט וועלכע חלק האב איך די מערסטע הנאה געהאט?

האב איך דערמאנט דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער אייבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו א מחצית השקל פון פייער נאכדעם וואס ער האט נישט געוויסט וויאזוי מען מאכט דאס, די אנדערע זאכן וואס דער אייבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו ווי אזוי עס קוקט אויס, זענען געווען קאמפליצירטע זאכן, אבער וואס איז אזוי שווער צו פארשטיין פון א מחצית השקל, אז ער האט געדארפט צוקומען אז דער אייבערשטער זאל אים ווייזן א מטבע פון פייער?

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נישט די צורת המטבע איז געווען וואס משה רבינו האט נישט פארשטאנען, נאר דאס אז די מצוה פון מחצית השקל האט דער אייבערשטער געגעבן אלס א כפרה פאר די חטא העגל, דאס האט משה רבנו נישט פארשטאנען, ווי אזוי קען זיין אז פאר אזא הארבע עבירה ווי די חטא העגל - וואס איז כולל אין זיך אלע עבירות - זאל קומען אזא קליינע מחצית השקל מיט אביסעלע צדקה, און אלעס מכפר זיין!

דער ראש ישיבה האט שטארק ארום גערעדט פון דעם ביים ליל שישי שיעור פון די חיזוק וואס מיר דארפן פון דעם ארויסנעמען, די כח פון געבן א פרוטה פאר צדקה וואס דאס טוט

פאר א מענטש. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'דארף נישט געבן קיין שוה פרוטה... אפילו א פעני איז אויך גוט, די מצוה פון צדקה רייניגט אפ דעם מענטש.

דער ראש ישיבה האט ארויסגענומען א גמרא מנחות און מיך געוויזן אז תוספות פרעגט די קשיא און די שיטה מקובצת צייכנט צו ביי די זייט דעם תירוץ וואס מען האט גערעדט! דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט "האסט נישט געגלייבט אז פון א קליינע שורה'לע ביי די זייט פונעם עמוד קען מען מאכן א גאנצע שיעור... קענסט שרייבן אן ארטיקל אין די בלעטל פון דעם..."

גאר א גרויסער עולם איז געקומען דאווענען מיט דער ראש ישיבה, די שול איז געווען פול ביזן סוף, אבער מיט ליבשאפט איז געווען ברייט פלאץ פאר יעדן.

דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת, ס'איז געווען זייער א פרייליכע געשמאקע דאווענען. דער ראש ישיבה האט געגעבן א פושקע קענדיס פאר זיין זון זאל געבן פאר די קינדער וואס דאווענען שיין, ס'איז געווען גאר א פרייליכע אטמאספער.

נאכן דאווענען האט מען געטאנצן, דער ראש ישיבה האט פאר יעדן געזאגט גוט שבת. אויפן וועג ארויס האבן די גבאים געבעטן דעם ראש ישיבה זאל רעדן אפאר ווערטער, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז בעצם פרייטאג צונאכטס איז נישט קיין צייט פון קיין דרשות אבער אז די גבאים בעטן וועט ער דאס טון, ווייל א גבאי פון א שול דארף מען פאלגן...

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן: אין שלחן ערוך שטייט אז פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען זאל מען זיך נישט פארזוימען, נאר גראד אהיימגיין פון שול מאכן די סעודה, דעריבער וועט ער רעדן בלויז פינף מינוט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: עס געווען א איד וואס האט געהאט גאר לעכטיגע קינדער, בעצם יעדער טראכט אויף זיינע קינדער אז דאס זענען גאר לעכטיגע קינדער אבער דא ביי דעם פאל איז עס געווען עפעס אויסנאם, די קינדער האבן געהאט א חן, די פנים האט זיי ממש געשיינט!

איינער איז צוגעגאנגען צו דעם איד און געפרעגט "זאג מיר דיין סוד ווי אזוי האסטו אזעלכע באַ'חנט'ע קינדער, פון וואו קומט דאס ווי אזוי האבן דיינע קינדער אזא אויסנאם חן"?

אההההה איך וועל דיר זאגן - ענטפער דער אינגערמאן אן א קווענקל.

די מעשה גייט אזוי; מיין ווייב איז געווען כלה מיט א צווייטן, און משום איזה סיבה שהוא האט דער בחור דער חתן אפגעלאזט דעם שידוך. ווי איר קענט זיך פארשטעלן איז דער מיידל צושמעטערט געווארן, ס'איז געווען גאר שרעקעדיג, די מיידל האט זיך איינגעשפארט אין איר שטוב און זי איז נישט ארויס פון דארט, נישט געגעסן נישט גערעדט מיט קיינעם, די מצב געווען איום ונורא, זי האט זיך געשעמט צו באווייזן דאס פנים...

ס'איז דורך עטליכע טעג און דער טאטע האט געזען אז אזוי אנגיין קען ער נישט, ס'קוקט אויס ווי זיין טאכטער גייט לא עלינו גערירט ווערן אין מח אויב ס'גייט אזוי אנגיין, און ער דער טאטע איז אויך געווען א שברי כלי, ער האט ממש געשפירט אז ער טראגט דאס נישט איבער ה"י.

ער האט מחליט געווען אז ער גייט טון א ווילדע זאך, ער איז אריינגעלאפן אין א ישיבה פון אפאר הונדערט בחורים, ער איז ארויפגעלאפן אויפן בימה און אויסגעקלאפט "רבותי! איך האב א טאכטער אין שטוב וואס מ'האט איר אפגעזאגט א שידוך אויב גייט זי נישט יעצט א כלה ווערן גייט זי אונטערגיין רחמנא לצלן, איך שפיר ווי באלד גיי איך ווערן גערירט, איך בעט ענק איינער זאל רחמנות האבן אויף א אידיש מיידל און כאפן דעם מצוה און איר ראטעווען"!

איר קענט אייך מן הסתם פארשטעלן אז ווען די מיידל איז ווען די געלונגענסטע מיידל וואלט די שידוך לכאורה נישט אפגעזאגט געווארן, און ווען דא רעדט מען פון א שפיץ נארמאלע מענטש וואלט ער נישט געשטאנען אויף א בימה אין א ישיבה....



אין בחור האט מחליט געווען אז ער איז גרייט פאר דער מצוה איך וועל מיט איר חתונה האבן! ער גייט צו צו דעם איד און ער זאגט אים אז ער איז גרייט אויף דעם, מ'זאל רעדן מיט זיינע עלטערן, ער איז מסכים אויפן שידוך.

דער שידוך איז טאקע געווארן - פארציילט דער איד, און פירט אויס - איך בין יענער בחור. וואס זאל איך אייך זאגן זינט איך האב חתונה געהאט האט זיך מיין גאנצע מזל א דריי געטון לטובה וואו איך האב געלייגט א פינגער האב איך מצליח געווען, סיי מיט קינדער, מיט פרנסה, שלום בית, אלעס האט מיר אנגעהויבן גיין גוט!

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט אז די מעשה איז אן עכטע מעשה, איך ווייס וועלכע משפחה דאס איז, און ביי וועלכע ישיבה דאס איז געווען, דאס איז נישט קיין דמיונות....

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט "מען דארף נישט ווארטן אויף א גלעגנהייט צו נעמען א אפגעלאזטע שידוך צו זוכה זיין צו גוטע קינדער... איר קענט אלע אויך זוכה זיין צו דעם אן אפלאזן א שידוך, גייט אהיים צו ענקערע ווייבער, ווארפט ארויס פון פענסטער דעם "איך", לעבט בשלום פארן אייבערשטן, טראכט אז איך וואלט מיך בעצם געקענט אפטיילן ווייל מיין ווייב איז אהין און אהער.... אבער איך גיי ראטעווען א אידיש מיידל איך גיי אהיימגיין און רעדן שיין אין שטוב, איך גיי ראטעווען מיין אייגענע שטוב, וועט מען בזכות דעם זוכה זיין צו קינדער וואס שיינען און לייכטן!"

בעצם קען מען שרייבן אסאך מער פונעם גאנצן שבת, אבער מיר וועלן זיך יעצט אפשטעלן ביי דעם. איין זאך וואס איז א וויכטיג צו באטאנען איז דאס וואס דער ראש ישיבה האט דערמאנט צוויי מאל, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט אז ער האט זייער הנאה געהאט צו זיין שבת אין שטעטל, עס איז זייער א שיינע און געשמאקע פלאץ, די שפיץ פון די געשמאקייט איז געווען אז שבת אינדערפרי האט ער געקענט כאפן א שפאציר און רעדן צום אייבערשטן צווישן די גראז אוןביימער, דאס איז געווען זיין שענסטע זאך פונעם שבת.

שכח אייבערשטער אז מיר זענען זוכה צו זיצן דא אין היכל הקודש ביים צדיק וואס איז אונז מעורר צו תשובה טון, שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו אזא שיינע שבת מיט אזוי פיל לעכטיגע דיבורים אויף לעובדא ולמעשה, ווי אזוי צו קענען זוכה זיין צו ווערן א צדיק!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



טייערע
ברידער
העלפט אייערע
הארציגע
ברידער



# רבותי ס'קומט א
# גרויסע חלוקה

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,** איך האב זייער הנאה פון די שיעורים, מיין פרנסה האט זיך פארבעסערט, מיין שלום בית איז בעסער געווארן, און מיין גאנצע לעבן האט זיך געטוישט א דאנק די שיעורים.

איך וויל וויסן ווי אזוי איך קען צוריק צאלן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א פאר די שיינע שיעורים. יישר כח

תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תצוה, ה' אדר, שנת תש"פ לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אז דיין לעבן האט זיך געטוישט צום גוטן א דאנק דעם הייליגן רבי'ן, דארפסטו דאס פארשפרייטן פאר נאך מענטשן - זיי זאלן אויך קענען האבן פון די גוטע לעבן.

**עס איז נישט שייך צו באצאלן פאר'ן רבי'ן;** דער רבי האט זיך מוסר נפש געווען און אלעס אוועק געגעבן אז מיר זאלן קענען זיין ערליכע אידן און אזוי אויך די הייליגע תלמידים, רבי נתן האט זיך מוסר נפש געווען אונז איבער צו געבן דעם רבינ'ס וועג, מען האט אים גע'רודפ'ט, אלע האבן געקריגט אויף אים, אלע האבן גערעדט אויף אים, מען האט איינגעשפארט אין תפיסה - דאך האט ער זיך נישט אפגעשטעלט פון פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן.

אזוי אויך מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט אלעס אוועק געגעבן פאר אונז, ער האט נישט געהאט קיין איין גוטע טאג אין זיין לעבן נאר צוליב דעם אז מיר זאלן וויסן ווי אזוי מען קען לעבן מיט'ן אייבערשטן, מיר זאלן וויסן ווי אזוי צו לעבן מיט א ווייב, מיר זאלן האבן א וועג צו לערנען די הייליגע תורה; ווי איז שייך צו באצאלן? אז מען באקומט לעבן איז נישט שייך צו באצאלן, **מיר קענען נאר איין זאך טון: "ווייטער גיין אין די וועגן, ווייטער פארשפרייטן די ליכטיגקייט פאר אנדערע".**

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

## א מעשה פון הפצה

**אברהם צוויבל נרו יאיר פון קרית ברסלב דערציילט:**

די מעשה האט זיך אנגעהויבן ביי די חתונה פון מיין שוואגער נפתלי הערש, נאך די חתונה איז המפיץ מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א ארומגעגאנגען פארקויפן די ספרים, איך האב געפרעגט אויב ער האט תיקון הכללי'ס, ווייל איך האב געוואלט פארשפרייטן תיקון הכללי'ס, האט ער מיר געזאגט אז ער האט, און אהינגעגעבן א גאנצע פעקל פון תיקון הכללי'ס, איך האב עס אריינגעלייגט אין מיין שבת'דיגע בעקיטשע און פארגעסן פון דעם.

אפאר וואכן שפעטער האב איך זיך דערמאנט אז איך האב תיקון הכללי'ס, איך האב נישט געדענקט וואו עס איז, למעשה האב איך עס געטראפן און אריינגעלייגט אין די קאר, אבער איך האב גארנישט געטון מיט דעם, עס איז געליגן אין קאר.

איך האב נאך קיינמאל נישט פארשפרייט תיקון הכללי'ס זייט איך גיי הפצה, איין טאג בין איך געווען אין מאנסי, איך האב געטראכט איך וועל דאווענען יעדע מאל אין א אנדערע שול, איך וועל זאגן תיקון הכללי און עס אראפלייגן אין יענע שול ווי איך דאוון, אבער למעשה איז גארנישט געווארן פון דעם, איך האב פארגעסן.

איין טאג בין איך געגאנגען דאווענען מנחה אין א שול, און געטראכט אז יעצט איז א גוטע געלעגנהייט צו איבערלאזן א תיקון הכללי, למעשה האב איך נאכאמאל פארגעסן.

נאך מנחה האב איך אנגעפאנגען גיין הפצה, ביי די דריטע טיר האב איך אריינגעקלאפט, מען האט געעפנט און זייער שיין גענומען א ספר, איך בין שוין אוועקגעגאנגען פון יענע טיר, קומט ארויס איינער פון דארט און גייט מיר נאך און פרעגט מיר אויב איך האב אפשר א תיקון הכללי, איך בין געגעבן א שפרינג אויף, איך גיי קיינמאל נישט מיט תיקון הכללי'ס, פונקט היינט האב איך געטראכט אז איך גיי לייגן אין בית המדרש, און ברוך השם אז איך האב געהאט א תיקון הכללי אים צו געבן.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאל, טעקסט: 718.387.2691

email: subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## פרישע הערליכע קונטרסים צו באקומען ביים קרן הדפסה

אין די טעג איז ארויס פון דרוק ביים קרן הדפסה היכל הקודש א פרישע קונטרס פון מוהרא"ש "עס לוינט זיך צו לעבן", וואס געבט גאר אסאך חיזוק און עצות פאר יעדן איד אין יעדע מצב, דער קונטרס איז אן איבערזעצונג פונעם קונטרס "למה להתאבד" וואס מוהרא"ש ז"ע האט געשריבן אויף לשון הקודש.

אזוי אויך איז פריש איבערגעארבעט געווארן מיט א נייע שיינע דרוק די הערליכע קונטרסים וואס ווערט צוכאפט דורך אלעמען "מכבד זיין די מאן" און "מכבד זיין די ווייב", און אויף הוראה פונעם ראש ישיבה שליט"א האט מען אויך ארויסגעגעבן א קונטרס א קאמבינאציע פוןביידע אויבנדערמאנטע קונטרסים וואס מען האט א נאמען געגעבן "גן עדן".

אויך זענען דא צוויי נייע ענגלישע קונטרסים, איינס מיטן נאמען Only Today, וואס רעדט אז א מענטש זאל נאר קוקן אויף די יעצט, און נישט אויף נעכטן אדער מארגן.

און די צווייטע קונטרס הייסט Drive Safe, וואס איז מעורר אז א מענטש מחויב איינצוהאלטן די סעיפטי געזעצן, און געדענקען אז אויך אויף די וועגן געפונט זיך דער איבערשטער.

**כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים**

# בילדער פון קרן הדפסה



ספר ארך אפים אידיש איבערגעדרוקט



אין אפיס פונעם מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א ביים מגיה זיין אשר בנחל



אין א שמועס מיט די געטרייע ארבעטער פון בית הדפוס

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| ראובן בירנבוים<br>קרית ברסלב | זאב סטרולאוויטש<br>מאנסי | מרדכי היימליך<br>קרית ברסלב |
| יעקב האלצער<br>קרית יואל | אפרים פעלדמאן<br>בארא פארק | מרדכי יודא לעווין<br>לעווין |
| יואל מענדלאוויטש<br>קרית ברסלב | אברהם חיים קלאגסברוין<br>מאנסי | לייבי אפפעל<br>קרית ברסלב |
| הרוצה בעילום שמו<br>מאנסי | חיים זאנוויל אפפעלדארפער<br>וויליאמסבורג | יחזקאל זיגלער<br>בארא פארק |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103# | email:donate@kerenhadfusa.org | whatsapp: 347.578.4449


Enchanted
Baby Wardrobe
bambolìna
Baby Boutique
bambolinababy.com

# When it needs a redo.

We set your wig for $29.99

**Deadline to give in a wig and have it done by Pesach is Sunday March 31.**

WIGS BY CHANY

347.768.4012

Wash n Set $45 | Haircuts | Hairstyling

marketedge





# זכרונות...

## פון צוואנציג יאר צוריק

זיסע זכרונות פון צוואנציג
יאר צוריק - ווען דער ראש
ישיבה שליט"א האט
אנגעהויבן אויסלערנען פאר
בחורים זיך צו פירן מיט די
עצות פון הייליגן רבי'ן
איבערגעגעבן דורך איינס
פון די ערשטע תלמידים
**מו"ה שאול גאנץ הי"ו**

---

נפתלי הירצקא וואללנער

# זכרונות...
## פון צוואנציג יאר צוריק

**מו"ה שאול גאנץ הי"ו** שילדערט זיין אינהאלטסרייכע לעבנס געשיכטע אלס דער סאמע ערשטע תלמיד פון דער ראש ישיבה שליט"א, ביז ווי ער שטייט היינט אלס א חשוב'ער בעל הבית ווי ער ציט זיין פרנסה מיטן פארקויפן און אינסטאלירן קיטשענס אין הייזער, און ער נוצט אויס יעדע איבריגע מינוט פאר תורה און עבודה.

ר' שאול טוט אויפוויקלען זיינע זכרונות וואס ברענגן ארויף אלטע געשמאקע מאמענטן ווי די עלטערע תלמידים דערמאנען זיך צוריק געשמאקע ספעקטאלן און זיסע זכרונות.

**א** גוטן ר' שאול. צום אלעם ערשטן, ביטע שטעלט אייך פאר פאר די פרישע מקורבים, ווער איז דאס ר' שאול גאנץ?

איך הייס שאול ב"ר יעקב משה גאנזץ הי"ו איך בין העכער די דרייסיג קע"ה, איך האב געלערנט אין חדר ביי דער ראש ישיבה שליט"א, דאס ערשטע יאר וואס דער ראש ישיבה איז געווען מלמד - תשס"ה, און זייט דעמאלט בין איך אדוק ומקושר מיט דער ראש ישיבה שליט"א.

**לאמיר צוריקמישן דעם זייגער מיט ניינצן יאר צוריק צו די צייט וואס דער ראש ישיבה איז געווארן אייער מלמד, וואס געדענקט איר פון יענעם יאר?**

עס איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד אז עס וועט זיין א נייער מלמד אין כתה ט', די זמן האט זיך אנגעהויבן חודש אלול מיט א געוואלדיגע פרישקייט, עס איז געווען זייער אינטערעסאנט די ערשטע שטיק צייט מיט דער נייער רבי, וואס האט נאך דאן באהאלטן זיין ברסלב'ע אידענטיטעט פון אלע ארומיגע.

די ערשטע זאך וואס האט מיך געכאפט פון דער ראש ישיבה איז געווען פרייטאג פרשת נח, דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט זייער א שיינע טייטש אויף די סדרה וואס מען זאל קענען נאכזאגן אינדערהיים ביי די שבת טיש, אבער די וועג ווי אזוי דער ראש ישיבה האט עס אראפגעלייגט מיט אזא אפעטיט, מיט אזא זאפט, מיט אזויפיל געשמאק, ארײנלייגנדיג אזא חיות אין אידישקייט, אזש אז איך געדענק מיך אהיימגיין יענעם פרייטאג פון חדר טראכטנדיג אז אפשר איז דאס דער מלמד וואס גייט טוישן מיין לעבן צום גוטן אויף אייביג!

איך געדענק פון יענע יאר אז דער ראש ישיבה האט זיך זייער אראפגעלאזט צו די תלמידים, איך פערזענליך בין אויך געווען זייער נאנט מיט דער ראש ישיבה, איך האב געקענט דערציילן פאר דער ראש ישיבה אלעס וואס ליגט מיר אויפן הארצן. אבער מיט דעם אלעם איז דער ראש ישיבה געווען זייער א שטרענגער מלמד, איך געדענק נישט נאך א מלמד אדער מנהל זאל זיין שטרענגער ווי דער ראש ישיבה, דער ראש ישיבה איז געווען דער שטרענגסטער מלמד וואס איך געדענק, אבער מיר האבן געשפירט אז דער ראש ישיבה האט אונז באמת ליב.

איך דערמאן זיך א מורא'דיגע מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט מיט מיר יענע יאר אין חדר, איך בין אלץ געווען א מיטלגארטיגער אינגל אין די לימודים, אבער ווען עס איז געקומען צו מידות טובות בין איך ממש געווען דער מציון, איך האב מיך זייער אנגעשטרענגט צו בלייבן אין די מציונים סטאנדארט, איך האב זייער ארײנגעארבעט דערין, איך האב נישט פארפעלט קיין איין טאג פון אויפשטיין און די פריע פארטאגס שטונדן. איך פלעג לערנען און חזר'ן, ווייל חס ושלום וואס גייט געשען טאמער איך גיי נישט קענען ביי די פארהער, איך בין אלץ געווען אינטער גרויס דרוק.

ויהי היום פיר חדשים אריין אין זמן בין איך פארשלאפן מיט גאנצע צוואנציג מינוט, איך האב אנגעהויבן זיך צו יאגן מיט א משונה'דיגע פלינקייט, מיט א בהלה בין איך געלאפן אין בית המדרש. אריינקומענדיג אין בית המדרש באגעגן איך גלייך דער ראש ישיבה, א סקרוך איז מיר דורכגעלאפן אין די ביינער... דער ראש ישיבה אבער שמייכלט און זאגט מיר: "שאולי עס איז גארנישט געשען, ביסט נאר א מענטש, דו מעגסט אויך אמאל קומען שפעט"!

די ליבליכע ווערטער אין די דאזיגע מינוט האט אזוי אריינגעדרינגען אין מיינע ביינער, דער ראש ישיבה האט מיט די פאר ווערטער מיר ממש געראטעוועט, עס האט אוועקגענומען די אלע דרוק וואס איך האב ביז דאן געטראגן ווי א שווערע לאסט ווי איך האב מיך געדארפט אהערשטעלן ווי א מציון, ביז היינט שטייט מיר נאך פאר די אויגן די ליבליכע שמייכל אין יענע מאמענטן פון דער ראש ישיבה שליט"א.

ווי איך געדענק האט דער ראש ישיבה קיינמאל נישט דערמאנט די ווארט "ברסלב", קיין ווארט פון "דער ברסלב'ער רבי" דורכאויס יענע גאנצע יאר, אלעס האט דער ראש ישיבה נאכגעזאגט בשם צדיקים, פונעם בעל שם הקדוש, פונעם

מגלה עמוקות.

**ווען האט איר אפגעמאכט אז איר בלייבט מיט דער ראש ישיבה אויך נאכדעם ווען ער איז שוין נישט אייער מלמד?**

יענע זומער תשס"ה האט דער ראש ישיבה זייער אסאך פארברענגט מיט די תלמידים. איינמאל האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ווען ער איז געווען א בחור האבן עטליכע בחורים זייער ליב געהאט איין מגיד שיעור, האבן זיי אפגעמאכט אז זיי גייען בלייבן מקושר מיט יענער מגיד שיעור. אזוי ווי איך האב זייער ליב געהאט דער ראש ישיבה האב איך באשלאסן אז איך בלייב אויך מיט דער ראש ישיבה זאל זיין וואס זאל זיין.

ווען איך בין אריין אין ישיבה אין שיעור א' איז שוין נישט אויסגעקומען צו טרעפן דער ראש ישיבה אזוי אפט, ביז איך בין געוואויר געווארן אז שבת נאכמיטאג זיצט דער ראש ישיבה אין א געוויסע בית המדרש, בין איך דארט אהינגעגאנגען, דער ראש ישיבה האט מיר געשאנקען גאר א ליבליכע שמייכל פיל מיט הנאה און קענטיגע קורת רוח, ער האט מיר געגעבן צו שפירן אז איך בין דא אנצוהאלטן א קשר און מיך ווייטער לערנען די זיסע תורה וועג, יענע יאר האב איך טאקע גאר אסאך מקבל געווען פון דער ראש ישיבה.

ווען איך פלעג טרעפן די קינדער וואס האבן געלערנט ביי דער ראש ישיבה יענע יאר, האב איך מיר שטארק נאכגעפרעגט וואס האט דער רבי היינט געלערנט, געזאגט אדער געשמועסט, טראצדעם וואס זיי זענען געווען א כתה אינגער, און פאר א ישיבה בחור פאסט דאך שוין נישט צו רעדן מיט א יונגל פון כתה ט', איז מיר דאס נישט אנגעגאנגען, ווייל אז זיי הערן אויס פון איין רבי זענען זיי דאך מיינע ברידער'ס.

אויף די קומענדיגע זמן האב איך געדארפט א שטיקל טויש בין איך אריין אין א ישיבה מחוץ לעיר מיט א דארמיטארי, מען איז נאר אהיימגעקומען איינמאל אין פיר שבתים.



# זכרונות...
## פון צוואנציג יאר צוריק



ר' שאול איז משמש מוהרא"ש זי"ע ביי א מלוה מלכה אין ישיבה



ר' שאול אויף די בערג פון יבנאל עיר ברסלב

למעשה איז דער שריט געווען א גרויסע טעות, עס האט מיר זייער ווי געטון ווייל איך האב מיך זייער אהיימגעבענקט, איך האב מיך זייער אויסגעוויינט פאר דער ראש ישיבה אויף מיין גורל אז איך מוז יעצט בלייבן אין יענע ישיבה ביז סוף זמן, האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט פארוואס האסטו מיר נישט געפרעגט בעפאר? איך וואלט דיר קיינמאל נישט גע'עצה'ט אז דו זאלסט אוועקפארן פונדערהיים אזוי אינג? עס איז געמאכט פאר קינדער וואס קומען פון נישט געהעריגע שטובער.

דעמאלט האב איך מחליט געווען אז ביי יעדע זאך וואס איך וועל נאר טון וועל איך מיר שואל עצה זיין מיט דער ראש ישיבה, איך האב גענומען דער ראש ישיבה פאר מיין מורה דרך.

**ווען זענט איר למעשה געוואויר געווארן אז דער ראש ישיבה האט שייכות מיט "ברסלב"?**

איך האב אלץ געוויסט אז דער ראש ישיבה טראגט א סוד איבער זיין פערזענליכקייט און וויל נישט עס זאל ארויסרינען, איך פלעג זייער שטארק מוטשען דער ראש ישיבה זאל מיך אויסזאגן. איינמאל האט מיר דער ראש ישיבה געזאגט אז ווען איך ווער אכצן יאר גייט ער מיר אויסזאגן די סוד.

למעשה האב איך גאר שטארק געמוטשעט דער ראש ישיבה זאל מיר פארציילן, עס איז דאן געווען די ערשטע יאר וואס דער ראש ישיבה איז געווארן מנהל אין די ישיבה, בין איך דאן צוריקגעגאנגען לערנען ביי דער ראש ישיבה אין שיעור ב' ישיבה קטנה.

איינמאל איז אויסגעקומען אז דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט צו איך האב שוין געהערט פון א געוויסער ברסלב'ער משפיע אין בארא פארק, איך בין געווארן זייער נייגעריג האב איך געענטפערט: "יא, איך האב שוין געהערט עפעס וועגן א ברסלב'ער משפיע פון בארא פארק".

די נעקסטע טאג זאגט מיר דער ראש

ישיבה אז בנוגע וואס מיר האבן נעכטן גערעדט זאלסטו וויסן אז דער איד איז א אמת'ער צדיק וואס זעט מסוף העולם ועד סופו ממש, עס איז דא רבי"ס וואס זענען גארנישט, זיי שטעלן אהער א פנים ווי זיי זענען העכערע זאכן, אבער דער איד וואס מ'רופט אים "מוהרא"ש" איז פונקט פארקערט, ער איז באמת א צדיק יסוד עולם און מ'זעט נישט גארנישט אן אויף אים פון אינדרויסן, אבער ער איז דער צדיק וואס ברענגט אריין א לויטערע אמונה און קיום התורה והמצות מיט א שמחה של מצוה בכל תפוצות ישראל.

אהיימגייענדיג פון יענע שמועס האב איך געשפירט אז עס איז זייער פיין פאר דער ראש ישיבה, אז ער האט א רבי פון ווי ער נעמט אזעלכע חיזוק וואס עס גיסט אויך איבער פאר מיר, אבער איך דארף נישט יעצט נאכטאנצן דער ראש ישיבה, מיר איז גוט דער ראש ישיבה, און עס מאכט מיר נישט אויס פון ווי דער ראש ישיבה נעמט די אלע גוטע זאכן, אזוי האב איך דעמאלטס געטראכט.

שפעטער נאך עטליכע יאר האב איך באמערקט אז אלע תלמידים פון דער ראש ישיבה גייען אויך צו מוהרא"ש און אז מוהרא"ש איז ממש אזא צדיק ווי דער ראש ישיבה האט עס מיר אראפגעלייגט, האב איך אויך אנגעהויבן גיין צו שיעורים און הערן פון מוהרא"ש הערליכע עצות אין לעבן.

איך האב אויך אמאל געהאט א מופת ביי מוהרא"ש; עס איז געווען אין אומאן ערב ראש השנה תשע"ב ביי פדיון נפש, מוהרא"ש האט מיר דאן געווינטשן בזה הלשון: "זאלסט האבן א שנה טובה, מען זאל הערן ביי דיר גוטע בשורות, אין דעם יאר ווערסטו א חתן". איך זאג אמן און איך וויל שוין גיין ווייטער, אבער מוהרא"ש געבט מיר א שלעפ צוריק "דו הערסט? די יאר ווערסטו א חתן" איך בין ארויס פון דארט נבהל ונשתומם, איך האב ביז דאן קיינמאל נישט געהערט אזא קלארע הבטחה פון מוהרא"ש.


אין ישיבה שנת תשע"א ווינטער זמן
מערקט ר' שאול צווייטער פון רעכטס



די בחורים פון ישיבה שנת תשע"א
מערקט ר' שאול אינטן די דריטער פון די לינקע זייט

# זכרונות...
## פון צוואנציג יאר צוריק

עס איז דאן געווען נאכדעם וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט די באקאנטע הבטחה פון פערציג טעג מסכת תענית צווישן חמשה עשר באב און ראש השנה, און איך האב געלערנט פערציג טעג מסכת תענית מיט מסירת נפש ממש טראצדעם וואס איך האב גאנץ א שטייטע חיתוך הדיבור, דעריבער האט עס מיר געקענט נעמען אזא זעקס זיבן שעה דורכצוזאגן מסכת תענית!

עס איז געווען טעג וואס איך בין געווען אויף ביז די עלות צו ענדיגן מסכת תענית, און איך האב ברוך השם זוכה געווען צו ענדיגן די גאנצע פערציג טעג. מיינע חברים וואס האבן געפאלגט מוהרא"ש האבן אנגעהויבן ווערן חתנים איינער נאכן צווייטן און איך האב נאך גע'בחור'ט... אבער נאכן באקומען אזא קלארע הבטחה יענע ערב ראש השנה האב איך מיך זייער געפרייט.

עס איז אדורך תשרי, חשון, כסלו, און גארנישט האט זיך גערירט ביי מיר, נאכמער בין איך געווארן צובראכן ווען עס איז אנגעקומען די בריוו פון מוהרא"ש די ערשטע זונטאג פון שובבי"ם, ווי מוהרא"ש שרייבט דארט אז ווער עס איז נאכנישט געווארן קיין חתן איז א סימן אז ער האט נישט געהאט אזא שטארקע אמונה, און איך האב דאך געלערנט מיט אזא מסירות נפש. אבער איך האב באשלאסן אז איך הייב אן נאכאמאל פערציג טעג מיט די זעלבע אמונת צדיקים ווי לעצטע מאל! ברוך השם אז יענע סוף וואך בין איך געזיצן ביי א בעשוי און א וואך דערויף ביים לחיים / ווארט בשעה טובה ומוצלחת!...

**ווי מיר ווייסן האט איר געהאט א גרויסע חלק אין העלפן בויען די ישיבה אינעם יאר תשע"א ווען מען האט זיך אריינגעצויגן אין 27 סקילמאן, וואס קענט איר פארציילן פון דעמאלט?**

מיין ארבעט איז געווען צו פעינטן די בילדינג, וואס אגב איז דאס געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געהאלטן א




פארנט פונעם שול אין יבנאל



אין א שמועס מיט מוהרא"ש אין שטוב פון מוהרא"ש אין יבנאל

פעינט בארשטל אין די הענט. ווי אויך האט מיר דער ראש ישיבה געגעבן נאך ארבעט, ווי למשל פלאמבינג ארבעט, פאררעכטן די דאך פונעם בנין, די מאלדינגס אין ישיבה און נאך.

די חידוש איז געווען אז דער ראש ישיבה האט געגעבן טראסט און שטארקייט פאר אונז קליינע בחורים וואס ווייסן אפילו נישט אז מען קען האלטן א האמער אין די הענט, וואס נארמאל געבט מען נישט פאר א אינגער בחור אזא ארבעט ווייל מען טראכט אז לכאורה קען ער נאכנישט דאס טון, אבער דער ראש ישיבה האט פארשטאנען אז די בחורים קענען דאס באווייזן, און מיר האבן דאס טאקע באוויזן, וואס דאס האט אונז גאר שטארק אויפגעבויעט פיזיש און גייסטיש.

היינט ווען איך האב שוין אליין מענטשן אינטער מיר, ווי למשל מיינע אייגענע קינדער, פרוביר איך אויך אריינצולייגן אין זיי די שטארקייט אז "דו קענסט יא, דו טויגסט יא, דו קענסט דאס באווייזן, גיי אן".

**איינע פון די נסיעות פונעם ראש ישיבה קיין ארץ ישראל, האט איר געהאט די זכי' מיטצוהאלטן, וואס קענט איר פארציילן איבער דעם?**

ברוך השם אז איך האב געהאט די זכי' מיטצוהאלטן א שיינע נסיעה מיטן ראש ישיבה אין יאר תשע"ב. עס איז געווען גאר א פיינע נסיעה וואס ליגט מיר נאך גוט אין די ביינער, מען איז ארומגעפארן ביי אסאך מקומות הקדושים, שבת איז מען געווען אין יבנאל, מוהרא"ש האט אונז איינגעלאדנט צו זיין ביי זיין דירה, עס האט געהאט אלע טעמים.

מען האט פארברענגט דארט מיט מוהרא"ש, מוהרא"ש האט גערעדט צו אונז און זיך זייער אראפגעלאזט, ער האט אונז צוגעשטעלט עסן מכל טוב וטוב.

איך געדענק אן אינטערסאנטע זאך פון די נסיעה, וואס גייט מיר נישט ארויס פון קאפ; מען איז ארומגעפארן אין ארץ ישראל מיט אפאר קארס, פארשטייט זיך אז יעדער האט געוואלט האבן א זכי' צו זיין אין די קאר פונעם ראש ישיבה. איך בין בטבע איינער וואס שטופט זיך נישט אריין, איך דריי נישט איבער, במילא ביי מיר האב איך געוויסט אז לכאורה וועל איך נישט זיין אין דעם קאר.

למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז דער ראש ישיבה מיט זיין גרויס חכמה און רחמנות האט פארשטאנען אז איך גיי מיך נישט אריינשטופן, האט ער יעדע מאל מיר אריינגעשיקט אין זיין קאר.

פאר מיר איז דאס געווען גאר א גרויסע געווינס, ווייל איך בין דעמאלט געווען א חתן פאר די חתונה, און דאס איז געווען פאר מיר א גוטע געלעגענהייט צו קענען זיין מיטן ראש ישיבה און מקבל זיין ווי מער הדרכה פאר די חתונה.

ווי אויך האט מיר דאס גאר שטארק אויפגעבויעט און געוויזן אז דער ראש ישיבה פארשטייט יעדן איינעם און זעט אז יעדער תלמיד זאל באקומען דאס וואס ער דארף באקומען אלס א תלמיד.

**אלס דער סאמע ערשטער תלמיד פון דער ראש ישיבה וואס וואלט איר געוואלט איבערגעבן פאר די ליינער ?**

איך קען נישט זאגן פאר א צווייטן ווי אזוי זיך צו פירן אבער איך קען זאגן פון מיין קוק ווינקל, אז א יעדע מאל וואס מען קומט צו דער ראש ישיבה זאל מען קומען מיט א פרישער התחדשות גרייט צו קענען מקבל זיין, מיט ריינע אויגן גלעזער מיט א טיפע אויער אנצונעמען יעדע ווארט, נישט אז מען זאל מיינען אז איך בין שוין פון די עלטערע תלמידים דארף איך שוין נישט די שיעורים און די בריוון, מען טאר נישט זיין אלט מען דארף זיך כסדר אויפרישן.

**א גרויסן ישר כוח פארן אוועקגעבן פון דיין טייערע צייט און פארציילן אביסל זכרונות פון די ערשטע יארן. דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן גרויס שפע און הצלחה אין אלע ענינים.**

א פרייליכן פורים און א ליסטיגן תמיד.

**פאר א גוטע געדאנק וועם צו אינטערוויון,**
**רופט הירצקא וואללנער 646 992-1963**

ר' שאול ביים העלפן
בויען די ישיבה







בס"ד

SCENTED SENSATION

# PURIM SPECIAL

"THE GIFT THAT WILL LAST"




## VERSACE

**PERFUME + LOTION**

A fresh, sensual blend of refreshing chilled yuzu and pomegranate mingled with soothing blossoms of peony, magnolia, and lotus flower

**Price only**

## $60.00

### OUR OTHER PRODUCTS

- **POTPOURRI sachets + diffuesers**
- **LOTIONS**
- **ROOM SPRAYS**
- **MINI PERFUMES FROM $12**

Purchase our products via phone order or in store at

347-415-2888    144 Denman Rd. liberty, NY 12754

„עס ליגט אין דיינע הענט"

# מיט התבודדות אָן

ח. פארקאש
י. מ. זוסמאן

**קינד:** אינדערפרי! א גוט מארגן מאמי,
איך בין שוין הונגעריג,
ווילסט מיר פליז געבן עסן?

מאמי, איך בין שוין אויפגעשטאנען
איך בין הונגעריג
איך דארף שוין עסן

נאכמיטאג! שכח מאמי פאר די פיינע עסן,
קען איך שוין גיין שפילן?

איך האב שוין געגעסן
געב מיר מיינע טויס
איך גיי יעצט שפילן

ביינאכט! מאמי איך בין שוין געווארן מיד,
ווילסט מיר איינשלעפן
און אנצינדן א ניגון פאר מיר?

לייג מיר שוין שלאפן
און זינג מיר יענע ליד

**מיידל:** אינדערפרי! א גוטן טאג איך גיי שוין אין סקול.
מאמי עס איז דא היינט עפעס פאר ריסעס?

מאמי געב מיר יעצט ריסעס!! ביי!!

נאכמיטאג! א גוטן טאג מאמי,
עס איז היינט געווען אזא גוטע טאג אין סקול!
וויאזוי איז געווען ביי דיר?

מאמי עס איז געווען א אומגעשמאקע טאג אין סקול
איך בלייב שוין אינדערהיים

ביינאכט! א גוטע נאכט,
קענסט מיר פליז אויפוועקן אינדערפרי?

מאמי, איך גיי שלאפן
דו מוזט געדענקען מיר צו אויפוועקן מארגן

**ווייב:** אינדערפרי! מיין טייערער מאן עס איז שוין שפעט,
איך מיין דו ווילסט שוין אויפשטיין.

שטיי שוין אויף
וועסט חרטה האבן אויב דו וועסט נישט אויפשטיין



נאכמיטאג! די עסן איז שוין גרייט,
ווען קומסטו אהיים?
איך בענק זיך אזוי שטארק!

קום שוין אהיים
די עסן ווערט קאלט
נו? ווען קומסטו שוין?

ביינאכט! א גוטע נאכט מיין טייערער מאן,
איך האב געהאט היינט א פיינע טאג ב"ה!

א גוטע נאכט
איך האף מארגן וועט זיין עפעס בעסערס

מאמע: אינדערפרי! א גוט מארגן קינדערלעך,
עס איז א נייע פרישע טאג,
שטייט שוין אויף.

א גוט מארגן קינדער
ווען שטייען ענק שוין אויף?

נאכמיטאג! א גוטן טאג קינדערלעך,
איך פריי זיך ענק צו זען,
ווי אזוי איז געווען אין סקול/חדר?

יאוי' YOY! די קינדער זענען שוין אהיימגעקומען
נו ווי אזוי איז געווען אין סקול/חדר???

ביינאכט! א גוטע נאכט,
לאמיר זען ווי שיין ענק גייען שלאפן.

גייט שוין שלאפן!!!
ענק שלאפן נאכנישט???

## איז וועלכע לעבן ווילסטו?

**מיט התבודדות? אדער אן התבודדות?**

**מיט התבודדות איז אזוי פרייליך און רואיג!**

**אן התבודדות איז מען אויפגערעגט און אומגעדולדיג!**

**אפאר מינוט רייס זיך פון אלעם ארויס,**
**מיט באשעפער שמועס זיך אויס,**
**יעצט קוק זיך אן, ווי אזוי דו זעסט אויס!**



# א שמחת פורים!

פּ. יאקאבאוויטש / ש. אפּפּעל - בית פּיגא קרית ברסלב

פורים קען מען אויס׳פועל׳ן גרויסע זאכן,
נאר מען דארף אסאך תפילה מאכן.

דער הייליגער רבי זאגט: אביסל איז אויך גוט,
דארף מען געדענקען א יעדע מינוט.

פורים אסאך צדקה טיילט מען,
די זעלבע טוט דער אייבערשטער מיט אונז שענקען.

פורים פארשטעלן זיך אלע קינדער,
אונז צו ווייזן אלעס איז נאר השם׳ס וואונדער.
די וועלט פירט זיך נישט אליין,
און אן דעם אייבערשטן קען גארנישט גיין.

רעדן צום אייבערשטן איז דער עיקר,
אפילו מען איז שיכור.

אסאך התבודדות זיך אנשטרענגען,
וועט דער אייבערשטער אונז ישועות ברענגען.

"באשעפער העלף, פורים זאל איך זיין פרייליך,
געבן גוטע ווערטער פאר אלע מיידלעך.
אפילו ווען עפעס בין איך נישט צופרידן,
זאל איך זיך שטארקן און פראבירן.
באשעפער פליז געב מיר שכל,
צו קענען ארומגיין מיט א שמייכל".

קיינער וואלט נישט געקענט חלומ׳ען אז צו מיר איז עפעס געשען,
ווייל איך בין אלעמאל פרייליך און מען קען גארנישט אנזען.

געדענק: נישט אויפגעבן,
עס וועט זיך לוינען פאר די גאנצע לעבן!

**א שמחת פורים**



ש.ל. פליישמאן



# שיינער אין גראמען

ב׳ כי תשא תשפ״ד

*נעכטן בין איך געקומען*
*צו א שיעור פונעם ראש ישיבה.*
*געווארן בין איך איבערגענומען*
*מיט געפילן פאזיטיווע!*

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם:
זיך  קלאפן איז די עצה פון סמ״ך מ״ם
דער שטן וויל דיר זען טיף אין דער ערד
צובראכן און שפירן ביסט גארנישט ווערד..

טויט דערפרעסט און צוקלאפט,
אין זיין נעץ פארכאפט.
מוט פארלוירן -  אלעס פארלוירן,
נאכגעלאזט - די ווערטשאפט פארפרוירן.

קום ארויס פון פון דיין פארקוועטשטע ווינקל
צינד אן א ליכט אינעם טונקל
זאג צו דיר ווערטער גוטע:
״איך בין פון באשעפער׳ס קעניגליכע סוויטע״!

שטילערהייט אין מיין הויז פריוואט,
בין איך א כהן אין מיין מקדש מעט!
קרבנות גע׳שחט׳ן און קטורת פארברענט,
דאווענען האט דער כהן נישט געקענט...
פון די חשוב׳סטע פון כלל ישראל איז ער דאך,
ער ארבעט אינעם אייבערשטנ׳ס קאך!

טראכט פון אפאר גוטע נקודות..
דו עסט די שבת׳דיגע סעודות?
סוכות האסטו געשאקלט לולב און אתרוג?
עסן כשר׳ס איז ביי דיר וויכטיג?
פאר פסח רייניגסטו אלע שפאלטן?
האסט שוין וואס פון דיר צו האלטן!!!

אייבערשטער העלף,
איך זאל די ווערטער איינזאפן,
איך זאל זיך שוין אויפהערן קלאפן...
מיט א שטארקע אמונה אין זיך...
ווען איך אין לעבן זיין מצליח!!!

# איר באהאלטענע סוד

מ. ק. ארץ ישראל

איך וויל אויך, אבער וואס איז די סוד?

בלומי עס וועט דיר זיין שווער צו הערן וואס איך גיי דיר יעצט זאגן!

וואס איז טויבי? קודם כל א גוטן טאג, וואס דערציילסטו עפעס גוט?

ניין דו מוזט הערן איך האב דיר געזאגט! איך האב דיר געזאגט!

וואס? טויבי רעד צו די זאך, פון וואס רעדסטו?

נו, געדענקסט נישט וואס איך האב דיר געזאגט אויף רבקי אז זי איז אויף פון... ד...

אז וואס?

נו, בלומי דערמאן זיך שוין, איך האב דיר היינט געזאגט אין סעמינאר, אז איך האב איר נעכטן געזען נעבן כיכר השבת מיט א גרופע מיידעלך און...

טויבי, איך פארשטיי נישט וואס דו ווילסט פון מיר!

בלומי פליז, מאך זיך נישט תמ'יש, דו ווייסט גוט פון וואס איך רעד.

ניין, באמת, פון וואס רעדסטו בכלל? זאג מיר שוין איינמאל פאר אלעמאל.

נו, דערמאן זיך שוין... בקיצור נעכטן בין איך געווען אין גאולה, איך בין געגאנגען באזוכן מיין באבע, ווען איך בין ארויס פון איר שטוב האב איך געזען רבקי מיט א גרופע מיידלעך - דארט נעבן ככר השבת - שמועסן אזוי איבערגעגומען...

נו, טויבי וואס ווילסטו זאגן מיט דעם?

בלומי טראכט אריין אביסל טיף.

אז וואס? אז זי האט געהאט א צאמקום מיט אירע קאזינע'ס?

וועלכע קאזינע'ס? זי האט נישט קיין קאזינע'ס אין איר יארגאנג. איך זאג דיר זי געהערט אויף דארט, זי איז אויך פארכאפט דארט.

וואו?

וואס? וואו? אין ברסלב!!!

ווער? נאכאמאל, רבקי איז געווארן ברסלב, קען נישט זיין! איר משפחה איז אזא נארמאלע, זיי זענען דאך א געהעריגע חסידות, וואס איז מיט דיר? ביסט געפאלן אויפן קאפ? האסט נישט קיין שענערע פאנטאזיעס?

איך זאג דיר, איך קען דיר קלאר אויפווייזן!

אקעי לאמיר הערן.

איז אזוי: קודם כל קענסט מיר מסביר זיין וואס איז רבקי פלוצלונג אזא טאטאלע, פלוצלונג ווערט זי די שפעלע, אלעמאל איז זי געווען די זאך ביים לערנען, זי האט אלץ גערעדט, געשטערט, עס איז געווען לעבעדיג, א מחי'ה, די לערן האט איר אלעמאל געדארפט ארויסשיקן ביים לערנען, און בום! פלוצלונג זיצט זי אזוי שטיל ווי א פיש, און הערט אויס די לערן מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ!

או אה, אקעי טויבי, עס איז נאכנישט קיין ראי', זי איז פשוט געווארן ערוואקסן.

א מינוט וואס איז פלוצלונג די זאגן תהילים ביי די הפסקות, אהה? און וואס איז די מין פאזעטיוויקייט? אלעס איז איר גוט און פיין, זי קאמפלעינט נישט, געדענקסט נישט ווי זי פלעגט אלץ פירן אלע טענות קאמפיין'ס קעגן די לערנ'ס און די פרינציפל ביי אלע טריפ'ס, אקטיוויטעט'ס? פלוצלונג איז איר אלעס פיין אהה?!

הער זיך איין טויבי, דו ביסט גערעכט אז רבקי האט זיך אינגאנצן געטוישט, איר באציאונג, איר איידלקייט, אבער עס איז נאכנישט קיין ראי' אז זי איז ברסלב!

אה, אזוי. איז וואס איז פלוצלונג די זאגן א גאנצן טאג "שכח אייבערשטער", איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, פון וואו האט זי עס געלערנט? אה!

קוק טויבי, אויב רבקי האט זיך טאקע געטוישט און געווארן ממש א נייע מיידל, איז וואס איז די פראבלעם דערמיט?

בלומי! דו ווייסט נישט פון וואס עס רעדט זיך בכלל!

דו ווייסט וואס זיי לערנען דארט אין שולע, בעסער געזאגט וואס זיי לערנען נישט? זיי לערנען דארט גארנישט, נישט קיין מאטעמאטיק, נישט קיין ביאלאגיע, נישט קיין גראמאטיק, נישט קיין געאגראפיע, נישט קיין היסטאריע, נישט קיין חומש. גארנישט, איך פארשטיי נישט ווי אזוי מיידלעך האבן דארט חתונה?!

יא! נו, לאמיר זען טאקע, מיט וואס גייען אונז ארויס? וואס מאכן אונז יעדן טאג פון אכט ביז דריי אזייגער. מיט וואס גייען אונז ארויס, נו לאמיר זען וואס איז היינט געווען?

פון 8:30 ביז 9:00 איז געווען שחרית, לאמיר נישט רעדן פון דעם אז די סקונדע וואס די לערן איז ארויס האבן אלע אנגעפאנגען שמועסן...

שפעטער איז געווען חומש, א הערליכע אינטערסאנטע שיעור באגלייט מיט מדרשים און פירושים פון "אור החיים", "כלי יקר", "ש"ח" "העמק דבר" און נאך, "כל המרבה הרי זה משובח".

גראדע אז מען רעדט שוין, וואס מיינט "ש"ח"? די לערן האט היינט געגעבן היימארבעט און עס שטייט דארט "פסוק י"א פרק ז' ע"פ ש"ח", וואס מיינט ש"ח? אפשר שקל חדש?

כא, כא, כא, נו בלומי וואס איז מיט דיר, דו ביסט דאך א "געלערנטע" מיידל,

"שפתי חכמים"! האסט נישט געוואוסט?

אה, שכח, גוט צו וויסן, פון וואו ווילסטו איך זאל וויסן? איך בין נישט קיין תלמידת חכמ'טע, א שאד אה...

שפעטער איז געווען 2 לעקציעס "מעס" - מאטעמאטיק, דו ווייסט וואס איז מעס? מלשון מת, עס הרג'עט די נערוון. זאג מיר דו פילסט נישט גע'הרג'עט נאך 2 אזעלכע לעקציעס? איך האב געפילט ווי מיינע נערוון קראכט נאך צוויי מעטאמאטיק'ס. איך האב גארנישט פארשטאנען ביי די לעקציע, מיין קאפ האט זיך געדרייט פון זען נומער'ן מיט פראבלעמען.

ניין, חס ושלום בלומי, איך האב זייער הנאה געהאט, פילסט נישט אז דו האסט הנאה פון אויסשארפן דיין מח און אויסרעכענען איבונגען?

אקעי, ס'גוט! אה, און וואס איז געווען שפעטער? נאך די הפסקה איז געווען א שיעור אין נביא, מיט השקפה וויפל מען דארף צוברעכן די מידות. און... טויבי איך האב א שאלה פאר דיר, קענסט מיר אפשר זאגן וואו מען קויפט די האמער מיט וואס מען צוברעכט די מידות? איך וועל זיך פרייען עס צו האבן, איך בין גרייט צו צאלן!

יוואי בלומי דו ביסט זיס, דו נעמסט אן אזוי ערנסט יעדע ווארט וואס די לערן זאגט ארויס?

וואו שכח פאר די קאמפלימענט!

ניין בלומי ס'איז געווען א וויץ, ביסט טאקע זיס, און בכלל איך מעג דיר פרעגן וואס האסטו זיך אזוי דערשראקן, אז די לערן האט געזאגט אז "טרינקען אייס קאפי איז משחית די נפש", זאג מיר נישט אז דו גייסט מער נישט טרינקען אייס-קאפי. ווילסט טאקע זיך טרעפן דא אונטן אין גאס, קויפן א אייס-קאפי???

יא, איך ווארט דיר דארט נאך צוואנציג מינוט, און ברענג מיר שוין טאקע די היימארבעט פון פסיכאלאגיע.

אקעי בלומי ביי ביי, איך ווארט דיר דארט אין צוואנציג מינוט

א מינוט טויבי איך דארף פרעגן מיין מאמע איך וועל זען, מען וועט נאך רעדן, ביי ביי, האב א גוטן טאג!

איך בין נאך שאקירט פון וואס איך האב געהערט פון טויבי, עס איז טאקע אזוי אז רבקי האט זיך געטוישט צום גוטן. ווי אזוי ארבעט עס? ווי אזוי איז געווארן די טוישט אין איר לעבן? וואס האט איר געמאכט אזא רוהיגע, פרייליכע מיידל, אזא געשמאקע נאטור, אזוי אינטערעסאנט איך וויל עס אויך פראבירן, אבער איך שעם זיך צו צוקומען איר פרעגן. למעשה וואספארא סוד, וועלכע פאטענט איז דא דארט אין ברסלב, וואס רבקי האט זיך פון דעם געטוישט, איך וויל אויך! איך מוז געוואר ווערן די סוד!

טייערע אידן! עס ווענדט זיך אין מיר און אין דיר, עס איז אין אונזערע הענט.

עס איז דא אזויפיל גוטע נשמות וואס ווילן אויך טועם זיין פון די אונגערישע ווין. זיי ווילן אויך די זיסע יאמי לעבן וואס מען באקומט דא!

לאמיר זיך נעמען צו די ארבעט, מקרב זיין נאך א מיידל, נאך א פרוי, איר זאגן ווי דער אייבערשטער האט איר ליב, און יעדע מצווה איז טייער.

לאמיר גיין הפצה, הפצה קען מען אויך מיט געבן א שמייכל, מיט א גוט ווארט, א קאמפלימענט.

איך דאנק דיר הייליגער באשעפער פאר מיר געבן מיין לעבן פונדאסניי! איך פיל א טעם אין לעבן! שכח אייבערשטער!

"אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו".

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי' האט געזאגט: מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין א**

א. ערליכער איד
ב. עובד השם
ג. ברסלב'ע
ד. ידען

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ווי אלט איז דער הייליגער רבי' געווען ווען ער האט חתונה געהאט?

**דרייצן יאר**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**אדי שטיינבערג תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

דער רבי' זאגט: **פורים איז א צייט פון זיך באנייען**; ווייל ווען מען איז פרייליך קען מען זוכה זיין צו פועל'ן זייער גרויסע ישועות, **זאלסט איר פון יעצט זיין נאר פריילין**; יעדע זאך וואס שטערט אייך, יעדע זאך וואס באדערט אייך - זאלט איר דאס אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן. איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס מען קען פועל'ן דורך תפילה, **תפילה איז אזוי שטארק, עס דריידט איבער די טבע.**

(עבודת אמונה פרשת תצוה תש"פ)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | נ | א | י | ז | צ | ד | י | כ | נ | ש | ט | מ | כ | ה |
| ה | א | ז | י | כ | ג | י | מ | ד | ל | ט | נ | י | ר | ז |
| י | י | ו | י | ז | ל | נ | י | א | ע | א | ע | ט | ו | א |
| א | פ | י | י | ה | מ | ט | ע | ט | ו | ר | ק | נ | ד | ל |
| א | א | א | ב | ס | ש | ע | ר | ק | פ | ק | נ | ע | ב | ט |
| מ | ע | נ | ר | י | ש | ע | נ | פ | ר | י | י | ל | י | כ |
| ט | ר | י | נ | ש | ט | מ | ת | פ | י | ל | ה | ד | ק | מ |
| ס | ז | ב | ה | ש | ט | י | ו | ז | ו | כ | ה | א | ע | י |
| י | א | י | י | ר | פ | ע | ע | ע | ט | ת | פ | ס | נ | ר |
| ע | ז | ו | י | א | ת | ל | ל | ד | ס | ר | א | ט | ע | ו |
| צ | ז | פ | ו | נ | ט | פ | נ | נ | ע | נ | ש | י | מ | פ |
| ט | ו | ז | י | י | נ | ע | י | ז | נ | ר | ס | נ | ר | ב |
| נ | מ | ר | א | ח | י | ז | י | ל | ע | ו | ו | ע | נ | א |
| ו | ו | א | ס | י | א | א | ע | ב | ה | ו | ת | ז | ס | ד |
| פ | ד | ז | נ | ג | ר | ו | י | ס | ע | ו | ו | א | ל | ע |
| ר | א | א | ט | י | פ | י | ו | כ | א | א | ע | ל | ת | ר |
| כ | ב | ז | א | י | א | ר | י | י | ד | ס | ו | ט | ו | ט |
| ק | י | ו | ו | ע | צ | ז | ב | כ | י | ד | ש | צ | ח | ס |
| ד | ר | י | י | ד | ט | ע | פ | ו | נ | ל | י | כ | א | ז |
| ש | ר | ת | א | ע | ר | א | ז | ז | י | י | ע | ר | ט | ג |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג ביז צו פארשטעלן לכבוד פורים!





## א שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

### חלק שני

**ב. אַהֲבַת אִשָּׁה לְבַעְלָהּ נִכָּר בַּזְּבוּבִים וְיִתּוּשִׁים שֶׁבַּבַּיִת, גַּם עַל יְדֵי אַהֲבָתָם יְכוֹלִין לֵידַע כֹּחַ הַיֵּצֶר הָרָע אִם כְּבָר נֶחֱלַשׁ אִם לָאו.**

דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ דֶערְקֶענְט זִיךְ אוֹיף דִי פְלִיגְן אוּן אִינְזֶעקְטְן וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ אִין הוֹיז. אוֹיךְ קֶען מֶען וִויסְן דוּרְךְ דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן זֵיי, אוֹיבּ דֶער כֹּחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אָדֶער נִישְׁט.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?




ענטפער פון פאריגע וואך

ווען איינער האט געזאגט פארן רבי'ן אז ער וויל ווערן א רבי, האט אים דער רבי געזאגט: "דו וועסט נישט קענען בענטשן קיין ברכת המזון!"

# קליין און ביין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



משפחת מזרחי - קרית ברסלב



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל





נחמן נתן בלום - קרית ברסלב



פייגי לאנדא - קרית ברסלב



שמואל טייכנער - צפת



יואליש סאמעט - קרית ברסלב

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*






## השבת אבידה

If you lost this earing please call.

Birnbaum

347-543-8313



שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף האשקי
צו פארדינגען פאר א
שבת, אדער וואך.

צו באשטעלן ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט,
נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
347-578-4449 - רופט לייבי ראטה






# בילדער

## אפטיילונג







ישיבת היכל הקודש ירושלים ביים ציון פון הייליגן
צדיק ר' גדלי'ה משה מזוועהיל זי"ע











ישיבת היכל הקודש ירושלים אויף א שפאציר











אבות ובנים אין בית המדרש
פעולת הצדיק









קריאת שמע ליינען ביי הילד בן מו"ה
אשר בער אינדארסקי הי"ו






ביי שחרית אין ישיבה קרית ברסלב - ב׳ ויקהל





ביי א שפאציר מיט די ישיבה קרית ברסלב



פרישטאג אין ישיבה קרית ברסלב



אין אפיס פונעם מנהל מו״ה מרדכי אינדיג שליט״א
ביים מגיה זיין אשר בנחל אידיש



ביים ווייזן די תורה וואס מען הייבט יעצט אן שרייבן
לע״נ דעם רבין



אין א שמועס מיט די אינגעלייט וואס ארבעטן אין
בית הדפוס



קרעדיט: הלל לעבאוויטש

**סעודות ברית פון הילד נפתלי נ״י בן מו״ה אשר בער**
**אינדארסקי הי״ו - אין היכל הקודש קרית יואל**



**הנחת תפילין פאר הבחור נחמן עמרם**
**שטראססער נ״י**





**לחיים פארן בר מצוה בחור נחמן עמרם נ״י בן מו״ה**
**אברהם משה שטראססער שליט״א - ג׳ ויקהל**



קרעדיט: אברהם טיקאלסקי



**לעידיס אקזילערי פארטי**
**אין זשערסי סיטי**



קרעדיט: שמעון פורטגל



קרעדיט: אייזק ראטה

**מסיבה פארן כולל היכל הקודש אין פעסט**
**בילד אפיס נאכן טעגליכן מנין מנחה**

כתיבת
ספר תורה
לזכות
רבינו נחמן בן פיגא

על ידי אנשי שלומינו
תלמידי היכל הקודש

# מעמדי התחלת כתיבות האותיות

**בית המדרש**

**היכל הקודש**
**וויליאמסבורג**

27 Skillman St.

**דאנערשטאג נאכט**
**פרשת ויקרא**

**נאך די שיעור**

**בית המדרש**

**היכל הקודש**
**קרית ברסלב**

181 Huschke Rd.

**דאנערשטאג נאכט**
**פרשת צו**

**נאך די שיעור**

כדי צו קענען אריינשרייבן אן אות דארפט
איר האבן געווען אין מקוה יענעם טאג.